נוסף צו דעם וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט אחרון של פסח, "מועדים לשמחה".

מ. און מ'האט אויך די הוראה, אז ע"ד ווי דעמולט איז דאס געווען "נגרה של ארץ ישראל" כו', ס'איז געווען נוגע צו גאנץ א"י - עד"ז איז דאס אויך בעניננו, אז די מלחמה מיט גוי'שקייט איז נוגע צו גאנץ א"י.

און בשעה עס האנדלט זיך וועגן ארויסטרייבן חושך - טרייבט מען ניט ארויס קיין חושך מיט א שטעקן! און מ'טרייבט ניט ארויס קיין חושך מיט געלט!

חושך טרייבט מען ארויס דורך אריינברייגען אור, דורך אריינברייגען "נר מצוה והורה אור"[147], ביז דורך אריינברייגען אן אבוקה, א מדורה, "שמש ומגן ה' אלקים"[148].

מא. ויהי רצון אז עס זאל זיין "עד דדהה", ובחסד וברחמים,

און מ'זאל זען ווי ס'איז "תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[149],

בביהמ"ק השלישי, וואס דעמולט וועט זיין "הקהל את העם האנשים והנשים והטף"[150], און עס וועט זיין "כאילו עתה נצטוה בה ומפי הגבורה שומעה"[151] וכו',

און אין אן אופן פון שבת אז "כל מלאכתו עשוי'"[152], אז דער אויבערשטער אליין וועט ארויספירן אידן פון גלות, "ואתם תלוקטו לאחד אחד"[153],

בשמחה ובטוב לבב.

* * *

מב. מאמר (כעין שיחה) ד"ה קדושים תהיו כי קדוש אני גו'.

* * *

מג. ס'איז דאך רגיל צו אפלערנען א פסוק מיט פירוש רש"י פון פרשה השבוע.

אין קאפיטל יט פסוק יד שטייט "לא תקלל חרש ולפני עור לא תתן מכשול ויראת מאלקיך אני ה'".

זיינען דא דריי רש"י'ס אויף דעם פסוק (ד"ה "לא תקלל חרש", "ולפני עור לא תתן מכשול" און "ויראת מאלקיך") -

- וועט -

------------

147) משלי ו, כג. 148) תהלים פד, יב. 149) עקב יא, יב. 150) וילך לא, יב. 151) רמב"ם הל' חגיגה פ"ג ה"ו. 152) מכילתא עה"פ יתרו כ, ט (הובא בפרש"י עה"פ). כוא"ח (ואדה"ז) סש"ו בסופו (סכ"א). וראה סמ"ק סר"פ. 153) ישעי' כז, יב.

וועט מען זיך אפשטעלן אויף דער מיטעלסטער רש"י, וואס ער האט אויך א קשר (און קומט בהמשך) צו דעם ערשטן רש"י און צו דעם לעצטן רש"י אין דעם פסוק (כדלקמן).

אויף "ולפני עור לא התן מכשול" איז רש"י מפרש: "לפני הסומא בדבר לא התן עצה שאינה הוגנת לו, אל תאמר מכור שדך וקח לך חמור ואתה עוקף עליו ונוטלה הימנו".

כנהוג לייענט מען אדורך די רש"י כאילו ווי אלץ איז פשוט, ווען באמת איז די רש"י מלא קושיות כרימון.

מד. אין דעם פירוש פון "לפני עור לא תתן מכשול" איז לכאורה אלץ גלאטיק: אז מ'טאר ניט לייגן קיין מכשול פאר א מענטש וואס קען ניט זעהן רח"ל - פארוואס דארף רש"י בכלל זאגן דא א פירוש?

און זאגן א פירוש וואס נעמט ארויס די ווערטער "לפני עור לא התן מכשול" פון דרך הפשט - אז "עור" מיינט ניט איינער וואס קען ניט זעהן רה"ל כפשוטו, נאר "סומא בדבר", און "לא התן מכשול" מיינט, ניט א "מכשול" כפשוטו (א שטיין וכיו"ב), נאר אן "עצה שאינה הוגנת לו"?!

נאכמער: גלייך פאר דערויף שטייט אין פסוק "לא תקלל חרש", און דארטן מיינט דאס א "חרש" כפשוטו, איינער וואס קען ניט הערן רח"ל, און "תקלל" כפשוטו, אז מ'טאר אים ניט שעלטן, און אויך רש"י נעמט אזוי אן, ער זאגט נאר אז וויבאלד עס שטייט שוין[154] "בעמך לא תאור", איז "למה נאמר חרש" - נאר "מה חרש מיוחד שהוא בחיים אף כל שהוא בחיים יצא המת שאינו בחיים" - אבער ער איז ניט מפרש אז "לא תקלל חרש" מיינט ניט קיין חרש כפשוטו, און ניט קיין קללה כפשוטה -

היינט פארוואס ווען עס קומט צו "לפני עור לא תתן מכשול" וואס שטייט נאך דערויף, נעמט ער עס ארויס פון פשוטו, און זאגט אז "עור" איז ניט כפשוטו, און "מכשול" איז ניט כפשוטו?!

מה. אויך דארף מען פארשטיין אין דעם עצם פירוש רש"י:

א) דאס וואס רש"י איז מפרש אז "ולפני עור לא תתן מכשול" מיינט "לפני הסומא בדבר לא תתן עצה שאינה הוגנת לו" - איז לכאורה א קלארער פירוש וואס פאדערט ניט קיין ביאור - פארוואס דארף רש"י דערנאך ברענגען א דוגמא לזה: "אל תאמר מכור שדך וקח לך חמור"?

ב) ווי פארשטייט א בן חמש למקרא אז "מכור שדך וקח לך - חמור" -

---

154) משפטים כב, כז.

הנחת הת' בלהי מוגה

חמור" איז אן "עצה שאינה הוגנת לו", ער ווייסט דאך ניט בדיוק די ענינים און תפקידים כו' פון חמור און שדה?

ג) פארוואס גיט-צו רש"י נאך דער דוגמא "אל תאמר מכור שדך וקח לך חמור" - "ואתה עוקף עליו ונוטלה הימנו", אז ער וועט אים דערנאך דרייען און פארדרייען ביז אז ער וועט פון אים צונעמען דעם שדה - וואס איז דא נוגע וואס דער עצה-געבער וועט טאן, דא איז נוגע בלויז אז "לפני הסומא בדבר לא התן עצה שאינה הוגנת לו, אל תאמר מכור שדך וקח לך חמור"?

מו. אין גמרא און אין מדרשים ברענגען זיך כו"כ דוגמאות אויף "לפני עור לא תתן מכשול" און ענינים פארבונדן מיט הומ"צ, אז מ'טאר ניט מכשיל זיין א צווייטן אין אן עבירה, ווי (לדוגמא) "לא יושיט אדם כוס של יין לנזיר" ("בתרי עברי נהרא")[155],

וואס דאס איז לכאורה א פירוש הפשוט אין "לפני עור לא התן מכשול", און רש"י האט זיכער געזעהן די אלע פירושים אין גמרא און אין מדרשים - הייגט פארוואס איז ער ניט מפרש אזוי בפירושו עה"פ, אנשטאט מפרש זיין א פירוש וואס איז לכאורה ווייטער פון פשוטו של מקרא.

מז. נאכמער:

דער מקור פון פירוש רש"י איז אין תורת כהנים עה"פ אע"פ וואס רש"י צייכנט דאס ניט אן, אבער זיכער האט רש"י געזעהן וואס דארטן שטייט, ובפרט אז בכ"כ צייכנט רש"י יע אן צו הו"כ. וואס דארטן ברענגען זיך (פאר דעם פירוש וואס רש"י ברענגט) דריי פירושים און דוגמאות אין "לפני עור לא התן מכשול" וואס זיינען לכאורה נענטער צו פשש"כ ווי דער פירוש וואס רש"י ברענגט:

די ערשטע זאך וואס שטייט אין הו"כ אויף "לפני עור לא התן מכשול" איז - "לפני סומא בדבר, בא אמר לך בת איש פלוני מה היא לכהונה, אל תאמר לו כשירה והיא אינה אלא פסולה",

וואס דאס איז ע"ד ווי דער פירוש (הנ"ל פון גמרא), אז מ'טאר א צווייטן ניט מכשיל זיין אין אן עבירה;

דערנאך זאגט ער אין תו"כ א צווייטע זאך (וואס איז א ביסל ווייטער פון פשטות הענינים):

"הי' נוטל ממך עצה, אל התן לו עצה שאינה הוגנת לו.

- אל -

------------

155) ע"ז ו. ריש ע"ב.

אל האמר לו צא בהשכמה שיקפחוהו ליסטים";

און דערנאך זאגט ער נאך א (דריטע) דוגמא, אז ער זאל אים ניט זאגן אן עצה "צא בצהרים בשביל שישהרב" (ער זאל פארברענט ווערן פון דער זון).

וואס די אלע דוגמאות וואס דער הו"כ ברענגט זיינען נענטער צו פשטות הפירוש פון "לפני עור לא תתן מכשול" ווי דער פירוש פון רש"י,

[אין תו"כ איז אבער ניט נוגע ווי דאס איז בפשטות הענין, דארטן איז נוגע ווי דאס איז ע"ד ההלכה; משא"כ פרש"י איז נוגע ווי דאס איז אין פשוטו של מקרא]

און דערצו ברענגט זיי דער הו"כ אלע פאר דעם פירוש וואס רש"י ברענגט פון דארטן (אז "אל תאמר לו מכור שדך וקח לך חמור") -

איז פארוואס ברענגט רש"י ניט די דוגמאות פון הו"כ, און היפט זיי אלע איבער, און ברענגט נאר דעם לעצטן פירוש וואס שטייט אין תורת כהנים?

און די אלע דיוקים דארפן זיין פארשטאנדיק בפשטות פאר א בן חמש למקרא, ובפרט אז איך האב ניט געזעהן אין מפרשי רש"י מען זאל זיך שטעלן אויף די דיוקים הנ"ל.

מפרשי רש"י [156] שטעלן זיך נאר אויף דער שאלה פארוואס רש"י איז מפרש "לפני עור לא תתן מכשול" ניט כפשוטו, און זיי גיבן א תירוץ וואס איז אינגאנצן ניט מספיק אין פשש"מ,

ואין כאן מקומו להאריך בזה - יעדערער וואס וויל קען דארטן אליין ארייקוקן און פארענטפערן.

וכפי שיתבאר לקמן.

מח. בנוגע צו די הערות פון טאטן אויפן זהר פון פרשתנו:

אין זהר בפרשתנו (קרוב לתחלתה) [157] דערציילט ער א סיפור, אז ר' יוסי און ר' חייא זיינען געגאנגען אין וועג, און "אשכחו חד בר נש בלקינטא דקוסטא רכיב על סוסיא אשתמיט ידוי לחד ענפא דאילנא, א"ר יוסי האי הוא דכתיב [158] והתקדשתם והייתם קדושים".

זיינען מסביר מפרשי הזהר (דער אור החמה און מפרשים על גליון הזהר וכו') אז דער בר נש אויפן סוס איז אריין

- אין -

---

156) רא"ם, גו"א, שפ"ח ומשכיל לדוד כאן. 157) זה"ג פא, א. 158) פרשתנו כ, ז.

זיין צו מאכן זיכער און זעהן אז יעדער איד, וואו ער זאל נאר זיין און אין וואס פאר א מעמד ומצב ער זאל זיך געפינען - זאל איינהאנדלען עכ"פ איין ספר און אין דערויף עפעס לערנען (עכ"פ איין ענין).

און דאס רעדט זיך וועגן יעדער איד, סיי אנשים, סיי נשים און סיי טף, ווארום אויך טף זיינען שייך צו לימוד התורה, אנהויבנדיק ווען דער קינד ווערט בן ששה שנים[223], כמדובר כמ"פ די אלע פרטים הקשורים בזה,

ובפרט ווי דער צ"צ שרייבט אין פסקי דינים שלו[224] (לשיטת הרמב"ם[225]) אז בכל המצוות איז מצות חינוך נאר מדברי סופרים, אבער בא תלמוד תורה איז חינוך מדאורייתא, און ס'איז חל אויך אויף א קטן א חיוב מן התורה צו לערנען תורה.

וואס דאס איז מדגיש דעם ענין פון "הקהל את העם האנשים והנשים והטף".

עו. ויה"ר אז מ'זאל בקרוב ממש זוכה זיין צו לערנען פון דער ספר תורה בשלימות ווי עס וועט זיין לע"ל,

וואס דאס וועט פועל זיין אז עס זאלן דעמולט זיין כו"כ ענינים:

עס זאל זיין דער ביהמ"ק השלישי, און מ'וועט דארטן הערן בשנת הקהל קריאת התורה פון דעם מלך, וואס איז ווי "מפי הגבורה שומעה", כלשון הרמב"ם,

אין ארץ הקדושה, און דארטן גופא - אין ירושלים עיר הקודש, דער עם קדוש,

בגאולה האמיתית והשלימה, ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

עז. דער ביאור אין פירוש רש"י אויף "לפני עור לא תתן מכשול" - ובהקדים הביאור אין דעם וואס רש"י זאגט בפירושו שלפנ"ז:

אין דעם ערשטן פרש"י אין דעם פסוק שטעלט זיך רש"י

- אויף -

---

223) כתובות נ, א. ב"ב כא, א. וראה רמב"ם הל' ת"ת פ"א ה"ו. פ"ב ה"ב טושו"ע יו"ד סרמ"ה ס"ה. הל' ת"ת לאדה"ז פ"א ס"א. וראה לקו"ש חס"ו ס"ע 130 ואילך ובהערות שם.
224) חידושים על הרמב"ם בתחלתו. וראה לקו"ש קדושים תשל"ח ס"ו ובהערות שם. 225) הל' ת"ת פ"א ה"ג.

אויף די ווערטער "לא תקלל חרש", און איז מפרש: "אין לי אלא חרש מנין לרבות כל אדם ת"ל בעמך לא תאור א"כ למה נאמר חרש מה חרש מיוחד שהוא בחיים אף כל שהוא בחיים יצא המת שאינו בחיים".

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס איז רש"י ניט מפרש אז דאס וואס עס שטייט "לא תקלל חרש", כאטש אז עס שטייט שוין "בעמך לא תאור" - איז דערפאר וואס דער פסוק קומט מוסיף זיין נאך אן איסור און א לאו אויף דעם איסור און לאו פון "בעמך לא תאור"?

איז דער ביאור בזה: דאס וואס מ'איז אמאל מפרש אז א פסוק קומט צו מוסיף זיין אן איסור און א לאו על גבי איסור ולאו - איז נאר בשעת מ'קען ניט לערנען אויף אן אנדער אופן; משא"כ בשעת מ'קען לערנען אויף אן אנדער אופן לערנט מען ניט אזוי.

און אפילו אין הלכה זאגט מען אז די תורה קומט זאגן צוויי איסורים אין א געוויסע זאך, נאר ווען מ'האט אויף דעם א לימוד מיוחד, אז במקום זה איז דער איסור וואס קומט צו אן איסור כולל, אן איסור מוסיף, אן איסור חמור וכו'[226].

דעריבער איז רש"י מפרש אז דאס וואס עס שטייט דא "לא תקלל חרש" כאטש פריער שטייט "בעמך לא תאור" - קומט לערנען אן ענין מיוחד: "מה חרש מיוחד שהוא בחיים אף כל שהוא בחיים יצא המת שאינו בחיים".

עח. עד"ז ווערט די שאלה אויף דעם וואס שטייט ווייטער אין פסוק - "ולפני עור לא תתן מכשול":

פריער אין פ' משפטים[227] שטייט: "וכי יפתח איש בור או כי יכרה איש בור ולא יכסנו ונפל שמה גו' בעל הבור ישלם כסף גו'".

וואס דאס איז דאך בפשטות דער ענין פון "לפני עור לא תתן מכשול" - ווארום אין פשש"מ קומט דער פסוק באווארנען אן איסור פון גורם זיין א צווייטן היזק - איז וואס איז די נפק"מ צי ער מאכט א בור אדער ער שטעלט אונטער א שטיין "מכשול" וכיו"ב.

אין הלכה קען מען זאגן אז ס'איז דא א נפק"מ, ווארום דארטן זיינען דא גדרים וואס איז א בור, צי דאס האט א שיעור פון י' טפחים[228], און עס דארף זיין "שור ולא אדם - חמור -

---

226) ראה בכ"ז אנצקלופדי' תלמודית ערך אין איסור חל על איסור. וש"נ. 227) כא, לג-לד. 228) ב"ק נ, ב. רמב"ם הל' נזקי ממון פי"ב ה"י. טושו"ע חו"מ סת"י ס"י.



הנחת הת' בלתי מוגה

חמור ולא כלים"[229] וכו׳; בפשטות איז אבער ניטא קיין נפק"מ צי ער מאכט (אדער עפנט) א בור אדער ער שטעלט אונטער א "מכשול".

קומט דאך אויס אז דער פסוק "לפני עור לא תתן מכשול" איז איבעריק לכאורה, ווארום דער פסוק באווארנט דאס שוין פריער אין פ׳ משפטים.

ואדרבה - אין פ׳ משפטים בא "כי יפתח איש בור או כי יכרה איש בור" - שטייט דערביי אן עונש אויף דעם, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז זיכער איז אין דעם דא אן איסור און דערצו שטייט נאך אן עונש, משא"כ בא "לפני עור לא תתן מכשול" שטייט נאר דער איסור (אָן אַן עונש).

איז פונקט ווי רש"י דארף פארענטפערן וואס קומט דער פסוק מחדש זיין מיט "לא תקלל חרש" אויף "בעמך לא תאור" - דארף רש"י אויך פארענטפערן וואס קומט "לפני עור לא תתן מכשול" מחדש זיין אויף "כי יפתח איש בור או כי יכרה איש בור גו׳".

[און פונקט ווי בא "לא תקלל חרש" קען רש"י ניט זאגן אז דער פסוק קומט צוגעבן אן איסור ולאו (כנ"ל), אזוי אויך קען ער דאס ניט זאגן בנוגע צו "לפני עור לא תתן מכשול"].

עס. זאגן אז "לפני עור לא תתן מכשול" קומט מוסיף זיין אויף "כי יפתח איש בור או כי יכרה איש בור גו׳" - אז מ׳טאר ניט מכשיל זיין א צווייטן אין אן עבירה (היפך תומ"צ), ווי (לדוגמא) "לא יושיט אדם כוס של יין לנזיר (בחרי עברי נהרא)" - קען רש"י ניט,

ווארום מ׳געפינט כו"כ פעמים אין תורה אז ס׳איז אסור צו מכשיל זיין א צווייטן אידן אין אן עבירה, ווי לדוגמא "כי יסיתך אחיך גו׳"[230], קען רש"י ניט זאגן אז דאס קומט "לפני עור לא תתן מכשול" צו באווארנען.

נאכמער: גלייך אין פ׳ בראשית[231] האט דער בן חמש למקרא געלערנט וועגן דעם חטא עץ הדעת, אז דער נחש האט מכשיל געווען אדם און חוה אז זיי זאלן עובר זיין אויף ציווי ה׳, און דער גודל העונש וואס ער (דער נחש) האט דערפאר באקומען - "ויאמר ה׳ אלקים אל הנחש כי עשית זאת ארור אתה מכל בהמה ומכל חית השדה על גחונך תלך ועפר תאכל כל ימי חייך, ואיבה אשית בינך ובין האשה ובין זרעך ובין זרעה הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב"[232], אן עונש על גבי

- עונש -

------------

229) שם כח, ב (הובא בפרש"י עה"פ). 230) ראה יג, ז.
231) ג, א ואילך. 232) שם יד-טו.

עונש -

קען רש"י ניט זאגן אז "לפני עור לא תתן מכשול" קומט מחדש זיין אז מ'טאר ניט מכשיל זיין א צווייטן אין אן עבירה.

גלייך בפ' בראשית האט מען געלערנט דעם גודל העונש וואס דער נחש האט באקומען צוליב מכשיל זיין אדם און חוה צו גיין קעגן ציווי ה' - און דא קומט מיטאמאל דער פסוק קאלטערהייט און איז כאילו ווי מחדש "לפני עור לא תתן מכשול" איז אן עבירה!

עז. אזוי אויך קען רש"י ניט זאגן אז "לפני עור לא תתן מכשול" איז ווי די צווייטע און דריטע דוגמא אין תו"כ - "הי' נוטל ממך עצה, אל תתן לו עצה שאינה הוגנת לו, אל תאמר לו צא בהשכמה שיקפחוהו ליסטים, צא בצהרים בשביל שישתרב" -

ווארום דיביידע דוגמאות זיינען אן ענין של היזק, בדוגמא ווי "כי יפתח איש בור או כי יכרה איש בור", וואס דאס שטייט שוין אין פ' משפטים - קען מען ניט זאגן אז דאס קומט "לפני עור לא תתן מכשול" באווארנען.

עח. דעריבער איז רש"י מכריח אז "לפני עור לא תתן מכשול" קומט באווארנען א נייע זאך, ניט אן ענין פון מכשיל זיין א צווייטן אין אן עבירה (וואס דאס שטייט שוין כמה פעמים אין תורה, ביז גלייך אין פ' בראשית), און אויך ניט אן ענין פון מכשיל זיין א צווייטן מיט א דבר המזיק (וואס איז שוין נכלל אין "כי יפתח איש בור או כי יכרה איש בור גו'") -

נאר: "לפני הסומא בדבר לא תתן עצה שאינה הוגנת לו":

ניט אז מ'טוט דעם צווייטן א היזק גלוי, נאר מ'גיט אים אן עצה וואס איז "אינה הוגנת <u>לו</u>", ס'קען זיין אז דאס איז א גוטע עצה, אבער אים, "לו", איז דאס "אינה הוגנת", באווארנט דער פסוק "לפני עור לא תתן מכשול" אז אויך אזא עצה טאר מען א צווייטן ניט געבן.

עט. וויבאלד אז דא רעדט מען ניט וועגן א היזק גלוי, נאר וועגן געבן אן עצה "שאינה הוגנת לו" - דארף רש"י ברענגען דערצו א דוגמא, בכדי מ'זאל פארשטיין ווי עס קען געמאלט זיין אזא מציאות אז ער גיט איינעם אן עצה, וואס מצ"ע קען די עצה זיין א גוטע, אבער <u>אים</u> איז זי "אינה הוגנת".

דערפאר איז רש"י ממשיך מיט א דוגמא: "אל תאמר מכור

- שדך -

שדך וקח לך חמור":

וועגן א חמור האט דער בן חמש למקרא שוין געלערנט אין פ' ויחי[233]: "יששכר חמור גרם רובץ בין המשפתים", און רש"י איז מפרש "רובץ בין המשפתים - כחמור המהלך ביום ובלילה ואין לו לילה ואין לו לינה בבית וכשהוא רוצה לנוח רובץ בין התחומין בתחומי העיירות שמוליך שם פרקמטיא".

ד.ה. אז בשעת איינער האט א חמור האט ער דערפון די גאנצע צייט א תועלת און וויבאלד אז דער חמור שלעפט משאות כבידות ביום ובלילה, און אויב ניט וואלט דער בעה"ב ניט געהאלטן דעם חמור.

דער ענין פון א שדה דאקעגן, איז פונקט פארקערט: די פירות און תוצאות פונעם שדה באקומט דער בעל השדה נאר איין מאל א יאר, אין זמן הקצירה, און שאר כל השנה דארף ער הארעווען אין דער שדה - אקערן די שדה, חרישה, דערנאך איינפלאנצן זרעים אין דער ערד, זריעה, און דערנאך מתפלל זיין על הגשמים, און ארויסנעמען די ווערים פון דער ערד וכו',

ווי דער בן חמש למקרא זעט עס בפשטות בשדה בעירו בא זיין פאטער וואס האט א שדה, אדער בא זיינעם א קרוב וועלכער האט א שדה, אז זיי מאטערן זיך כל השנה כולה מיט דער שדה, בלשון הכתוב (ווי ער האט שוין געלערנט)[234] "בזעת אפך תאכל לחם" - דער בעל השדה האלט אין איין שוויצן,

און דערנאך דארפן דורכגיין אלע תקופות השנה, "זרע וקציר וגו' וקור וחום וקיץ וחורף"[235], און ערשט ווען עס קומט דער זמן בשנה פון "קציר" - באקומט ער די תועלת און פירות פון דעם וואס ער האט אזוי געהארעוועט די גאנצע צייט אין דער שדה.

וואס דערפון קומט אויס אז בשעת איינער קומט צו גיין צו א צווייטן וואס האט א שדה און זאגט אים אן עצה: הער זיך איין "מכור שדך וקח לך תמור" - וואס דארפסטו אזוי הארעווען און מאטערן זיך מיט א שדה, וואס פירות דערפון וועסטו ערשט זען מיט א זמן לאח"ז - פארקויף דעם פעלד און מיט די געלט קויף זיך א חמור, וואס פון אים וועסטו גלייך האבן א תועלת און זען פירות וכו' -

איז דאך דאס אן עצה טובה ביותר, ער וויל אים העלפן און פארשפארן אזויפיל הארעוואניע און מאטערניש.

זאגט מען אים: אמת טאקע אז די עצה מצ"ע איז לכאורה

- אן -

------------

233) מט, יד. 234) בראשית ג, יט. 235) נח ח, כב.

אן עצה טובה, מ'דארף אבער וויסן צי דאס איז אן "עצה (וואס איז) הוגנת לו", צי דאס איז צוגעפאסט פאר יענעם וואס ער גיט עס די עצה,

און אויב דאס איז "אינה הוגנת לו" - איז "לפני עור לא תתן מכשול" - "לפני הסומא בדבר לא תתן עצה שאינה הוגנת לו, אל תאמר מכור שדך וקח לך חמור".

פ. און דאס וואס רש"י איז ממשיך נאכדעם וואס ער ברענגט די דוגמא "אל תאמר מכור שדך וקח לך חמור" - "ואתה עוקף עליו ונוטלה הימנו" - וועט מען פארשטיין בהקדים וואס רש"י איז מפרש אין דעם פירוש לאח"ז אויף די ווערטער "ויראת מאלקיך אני ה'":

רש"י שטעלט זיך אויף "ויראת מאלקיך" און איז מפרש: "לפי שבדבר הזה אינו מסור לבריות לידע אם דעתו של זה לטובה או לרעה ויכול להשמט ולומר לטובה נתכוונתי, לפיכך נאמר בו ויראת מאלקיך המכיר מחשבותיך וכן כל דבר המסור ללבו של אדם העושהו ואין שאר הבריות מכירות בו נאמר ויראת מאלקיך".

וואס בפשטות הכתוב איז פארשטאנדיק אז "ויראת מאלקיך" גייט נאר אויף "לפני עור לא תתן מכשול" און ניט אויף "לא תקלל חרש", ווארום עס שטייט נאך "לפני עור לא תתן מכשול".

ועפ"ז איז פארשטאנדיק דער פירוש רש"י אויף "ויראת מאלקיך" - "לפי שהדבר הזה אינו מסור לבריות וכו'" - ווארום דאס קומט בהמשך צו "לפני עור לא תתן מכשול" און פירוש רש"י על זה:

"לא תקלל חרש" איז ניט קיין דבר וואס "אינו מסור לבריות לידע אם דעתו של זה לטובה או לרעה ויכול להשמט ולומר לטובה נתכוונתי כו'" - ווארום יעדערער הערט אז דאס איז א קללה, און אלע ווייסן וואס דער מקלל מיינט מיט דעם,

און דאס איז אויך א טעם פארוואס רש"י זאגט ניט די ערשטע דריי דוגמאות וואס ברענגען זיך אין תו"כ אויף "לפני עור לא תתן מכשול" - ווארום זיי זיינען ניט קיין ענינים וואס אינם מסורים לבריות כו' -

ווארום סיי ווען ער זאגט דעם כהן אז זי איז "כשירה והיא אינה אלא פסולה", און סיי אויב ער זאגט איינעם "צא בהשכמה שיקפחוהו ליסטים", און סיי אויב ער זאגט איינעם "צא בצהרים בשביל שישתרב" -

זעען די אלע וואס שטייען דערביי וואס עס קומט

- דא -

דא-פאר, אז דאס איז א שלעכטע עצה בגלוי;

בשעת מ'רעדט אבער וועגן דעם ענין פון "לפני עור לא תתן מכשול" (ווי רש"י איז דאס מפרש), אז "לפני הסומא בדבר לא תתן עצה שאינה הוגנת לו כו' מכור שדך וקח לך חמור" - איז דאך דאס א דבר וואס "אינו מסור לבריות לידע אם דעתו של זה לטובה או לרעה ויכול להשמט ולומד לטובה נתכוונתי כו'" - ווארום די עצה מצ"ע איז אן עצה טובה, ער זאגט אים א גלייכע זאך, אז וואס דארפסטו זיך אזוי מאטערן מיט א שדה, וואס אין איר זעסטו ניט גלייך די פירות וכו' - קויף זיך א חמור, וואס פון אים וועסטו גלייך האבן א תועלת - אן עצה טובה לכאורה! א "דבר המסור ללבו של אדם העושהו".

ווייסט מען אבער ניט צי ער האט דערביי א פני', אז די גאנצע כוונה פארוואס ער גיט אים די עצה איז בכדי אז דערנאך זאל זיין "ואהה (דער עצה-געבער) עוקף עליו ונוטלה הימנו", אז ער וועט אים דרייען און פארדרייען ביז ער וועט פון אים צונעמען דעם חמור, וואס דעמולט איז דאס זיכער אן עצה "שאינה הוגנת לו";

אדער אז יענער (דער עצה-געבער) אליין קלייבט זיך ניט פאנאנדער אז דאס (צו פארקויפן די שדה פאר א חמור) איז אן עצה "שאינה הוגנת לו", און דערנאך איז בפועל ארויסגעקומען אז ער האט פון אים צוגענומען דעם חמור (ניט אז כוונתו איז מלכתחילה געווען אזוי) - איז דאס א "דבר המסור ללבו של אדם", מ'ווייס ניט וואס די כוונה זיינע איז -

זאגט אים דער פסוק "ויראת מאלקיך", ווארום ער (דער אויבערשטער) "מכיר מחשבותיך".

ועפ"ז זיינען פארשטאנדיק אלע דיוקים אין דעם פירוש רש"י,

און נאך כמה דיוקים און פרטים שבדבר וועט מען זיך מסתמא אליין פאנאנדערקלייבן.

פא. דער ביאור אין דעם זהר פון פרשתנו:

פשטות הסיפור אין זהר אז "בר נש בלקינטא דקוסטא רכיב על סוסיא אשתמיט ידוי לחד ענפא דאילנא", איז - אז דער בר נש האט גערייטן אויף א פערד און נאך דעם וואס ער האט געטראפן (מיטן פערד) אויף די זרעים אויף דער ערד (ווי מפרשי הזהר זיינען מפרש, כנ"ל) איז למעלה ממנו געווען אן ענף פון אן אילן, און "אשתמיט ידוי", ער האט אויפגעהויבן און אויסגעשטעקט זיינע האנט למעלה ממנו צו

- נעמען -